על כן איז קיין וואונדער ניט וואס דער רבינו תם ז״ל דער גרעסטער פון די בעלי התוספות צוזאמען מיט אלע רבני צרפת פון זיין צייט, און נאך זיי די גאונים פון פולין, תוגרמא, ואשכנז, האָבען גוזר געווען בגזרת נח״ש (נדוי חרם שמתא) אויף די וואס זייענען ניט קיין רבנים און זיי זיינען מסדר קדושין, אויך אויף דעם חתן ואבי הכלה, און אפילו א „נזיפה" אויף די פריינד וואס קומען צו אזא חתונה ווען דער מסדר קדושין איז ניט א רב מוסמך.

דאָס אלעס ווערט געבראכט אין פיעלע ספרי שו״ת פון גאוני קדמאי ובתראי, און זיי האָבען מסכים געווען צו דעם. און אזוי ווערט באמערקט אין יו״ד ס״ רמ״ה.

פון דאָס אלעס זעהן מיר ווי פאלש עס איז דער קליים פון די חזנים וואס זאגען אז פון דורי דורות זיינען די חזנים געווען די מסדרי קדושין, ווי מיר ווייסען איז אין אלע לענדער און אין אלע אידישע קהילות האט קיין מאָהל זיך ניט אונטערגעשטעלט א חזן צו זיין מסדר קדושין א וואו עס איז געווען א רב, אפילו אין דער אמאָליגער פינסטערער רוסלאנד וואָס די רעגירונג האט ניט אַנערקענט א רעליגיעזען רב, נור א געשטודירטען רבינער, וואס פיעל פון זיי זיינען געווען בני תורה ובעלי מדות, דאך האבען זיי איבערגעגעבען „סדור קדושין" צו די רעליגיעזע רבנים מוסמכים און ניט צו קיין חזן, סיידען אז דער רב האט ניט געקענט קומען צו דער חופה, האט דער רב געגעבען רשות דעם חזן „דיזען מאָהל" צו מסדר קדושין זיין, ווען דער רב איז געווען זיכער אז דער חזן איז בקי בהלכות קדושין, און ער איז אַ ירא שמים און ער וועט היטען דאס צו טאהן. און דעם זעלבען רשות האט דער רב געגעבען צו ניט קיין חזן אויך, אויב נאר ער איז געווען ראוי לכך. ווייל באמת שטייט ניט א חזן העכער אין רעליגיאן פראגען מעהר פון אלע אידען, זיין גאנצע מלאכת הקודש איז נאר אלס שליח ציבור ובעל תפילה. און דאס מעג זיין יעדער איד וואס איז א רגיל און האט א שטימע. נאר ווייל אידען גלייכען זינגען איז די קהלה וואס איז געווען פארמעגליך האט זי גענומען א חזן ער זאל זינגען און דאווענען צוליב עונג שבת ויו״ט, און ווייל קיינע גרויסע שכירות האָבען זיי דעם חזן ניט געקענט געבען, האט מען איהם צוגעזאגט די הכנסה פון חתונות אונטער דעם נאמען רח״ש (רב חזן שמש) אבער ניט סדור קדושין, נור זינגען „מי אדיר" און די לעצטע ברכה: „קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה."

אבל לדאבון לב כל בעל נפש בישראל איז אין באסטאן אזוי ווי עס איז געווארען הפקר און פארשוועכט דער קדושת שבת און נאך און נאך. אזוי איז נאך מעהר געווארען הפקרות אין „סדור קדושין" אזעלכע וואס זיינען „עמי הארצים גמורים", וואס ווייסען אפילו ניט צו ספעלען א אידישען נאמען, וואס ווייסען אפילו ניט די באדייטונג פון „הרי את מקודשת לי" זיינען מסדרי קדושין. אויסער וואס פיעל פון זיי זיינען פריי אין אמונה און טוהען אזעלכע זאכען וואס זיי זיינען עפ״י ד״ת פסול לעדות.

מיר ווייסען פון פאקטען וואס מען איז מסדר קדושין אשת איש'ן, טאַנטעס מיט פלימעניקעס, אשת אח״ין, כהנים מיט גרושות וחלוצות, ווער רעדט מניקות און גרושות פאר 3 חדשים נאך די גירושין דאָס איז שוין ביי זיי מותר לכל הדעות.

עס האלט שוין אז א איד דארף טאהן א שידוך זאהל ער דארפען פרעגען חוקר ודורש זיין צו ער ווערט ניט נכשל אין אסור ממזר.

ווען מען געהט אריין אין אַ האָל צו א חתונה איז אזוי פיעל פארשוועכט די „קדושת חופה וקדושין" אז מען קען ניט וויסען צו דארטען איז א חתונה אדער א טעהאטער. מען זעהט ווי פלוצלונג לעשט זיך אויס אלע לייטס, און אַ מאַן וואס זעהט אויס ווי אן אקטיאר, געקליידעט ווי א גלח, מיט א שאלקע אויף זיין האלז, מיט א חזנישע מיטץ, לויפט ארום און מאכט מיט די הענד: די מיידעל זאל זינגען „אי לאוו יוא" דער אינגעל זאל זינגען „אַי פראָמים יוא" צום סוף גיט ער אַ קלאַפּ „מה טובו" און